LIT 5507

ב״ו שלמה עטינגערס כתבים

רעד׳ מאַקס ווײַנרײַך (ווילנע 1925)

## די צוויי פערדלעך

צוויי פערדלעך, שוין איינגעשפּאַנט,
שמועסן זיך אַזוי צווישנאַנאַנד:
„ווייסטו, דער פורמאַן איז אַוועקגעגאַנגען
און האָט די לייצן אויפגעהאַנגען.
לאָמיר זיך נאָר צעיאָגן
מיט דעם גרינגן וואָגן.
לאָמיר אים גאָר איבערקערן,
עס זאָל אַלץ צעבראָכן ווערן;
לאָמיר זיך אונז מאַכן פריי:
וואָס טויג אונז דיין פּאַסקודנע בראַי?
לאָז ער וויסן, דער גרויסער כעסן,
ער זאָל אונז שוין נישט מער שמייסן!“

„גוט, זאָגט דיין ברודער,
לאָמיר געבן אַ רודער!“

און ווי ער האָט דאָס געזאָגט,
האָבן זיי זיך שוין צעיאָגט.
זיי זענען געפלויגן איבער דער גאַס
און האָבן פאַרלוירן אַ גרויס פאַס,
זיי האָבן פאַרריסן די קעפּלעך
און צעבראָכן אַ שטעל מיט טעפּלעך
און אַ טישל מיט גלעזלעך
און אַ קייבער מיט קעזלעך;

זיי האָבן איבערגעפאָרן אַ קינד
און צעטראַטעוועט אַ שיינעם הינט;
און אין מיטן דער שטאָט
האָבן זיי פאַרלירן אַ ראָד.
און ווער עס האָט די געוואָלט איינהאַלטן,
האָבן זיי שיר דעם מוח צעשפּאַלטן. —

און ווי די ווילן איבערן וואַל,
אַז זיי גיבן דאָ נית אַ פאַל
ביידע מיטאַמאָל
אַראָפּ אונטן אין טאָל,
און האָבן זיך אויף די שטיינער
צעבראָכן גאָר די ביינער.

*

נישט איינער לאָזט אַראָפּ די נאָז,
ווייל ער האָט איבער זיך אַ בעל-בית,
און מאַכט זיך אַליין גאָר פאַרגעסן,
אַז דער בעל-בית גיט אים צו עסן,
און וויל נאָר אַלץ אינאיינעם דערקלערן,
ווי ער זאָל דעם בעל-בית פּטור ווערן;
דערנאָך ליגט ער אָבער אין דער ערד,
ווי אונזערע צוויי פאַרשאַרטע פערד.

## דער פליגלפיש

צום פליגלפיש זאָגט אַמאָל דער ביבער:
„הער נאָר, איך בעט דיך, מיין ליבער!
קענסטו מיר נישט צוליב טיען***,
איך זאָל זען דיך פליען?
איך בין שוין אויף דער יבשה געווען
און האָב דעם אָדלער אַליין געזען
מיט מיינע אייגענע אויגן,
ווי ער איז געפלויגן,

* = איין. ** = פיין. *** = טון (טאָן).

אַזוי וויט און אַזוי הויך,
נאָך העכער ווי דער רויך“.

דער פליגלפיש הייבט אָן צו לאַכן:
„דו ווילסט אויס מיר חוזק מאַכן?
וואָרן העסטו געווען געקימען
צו מיר אַהער צו שווימען
און געזאָגט: איך בעט דיך צו באַמיען
מיר צו ווייזן, ווי אַ פיש קען אויך פליען,
דעט איך אַוודאי געפלויגן אַזוי הויך,
וויפל עס איז נאָר אין מיין כוח.
אַז דו פאַרגלייכסט מיך אָבער פריער
צום אָדלער, דעם גרעסטן פליער,
גיסטו מיר אַליין
שוין צו פאַרשטיין,
אַז דו ביזט אַזוי אַ שלעכטער
און ווילסט דיר מאַכן אַ געלעכטער.
גיי און בעט מיך ליבער גאָר נישט אומזיסט —
איך פלי נישט פאַר אַזוינע לייט ווי דו ביזט“.

*

איך האָב דאָס דערקלערט,
אַז אַ ליב איבער דער מאָס
איז נאָר אַזויפיל ווערט,
וויפל אַ זייפנבלאָז.

## דאָס איי

צוויי מענטשן האָבן זיך געקריגט איבער אַן איי
און האָבן דערביי געמאַכט אַ גאַנץ גרויס געשריי.

איינער האָט געזאָגט, עס זאָל זיין רוי;
דער אַנדערער: מע זאָל עס קאָכן.
דער סוף איז געווען — אוי, אוי, אוי! —
זיי האָבן דאָס איי צעבראָכן.

*

אַזוי איז אַ קריגעריי,
אַזוי איז אַ גרויס געשריי
צווישן אַ טאַטן מיט אַ מאַמען,
ווי זיי שפּאַרן זיך צוזאַמען:
„וואָס וועלן מיר מאַכן אַצינד
פֿון אונדזער איינציקן קינד?“

דער טאַטע זאָגט אַ רבֿ, די מאַמע — אַ מגיה;
דער טאַטע זאָגט אַ חסיד, די מאַמע — אַ מתנגד;
דער טאַטע — אַ סוחר,
די מאַמע — אַ בעל־מלאָכה;
דער טאַטע — אַ סופֿר,
די מאַמע — אַ בעל־הלכה;
דער טאַטע — אַ דייטש,
די מאַמע — אַ טייערן ייד;
דער טאַטע — די בייטש,
די מאַמע — אַ גאָלדשמיד;
דער טאַטע — אַ שטעכער,
די מאַמע — אַ גאַרבער;
דער טאַטע — אַ בלעכער,
די מאַמע — אַ פֿאַרבער.

נו, לאָמיך שוין אַמאָל הערן,
לאָמיך שוין אַמאָל געוואויר ווערן,

איר ברענגט דאָך מיר אַריין אין צאָרן,
איך בין דאָך שוין בלעבן גאָר פֿאַרמישט!
זאָגטס מיר שוין, וואָס איז אויס דעם קינד געוואָרן?
עס איז אויס אים געוואָרן טאַקע — אַ נישט!

## די קינדער

די קינדער האָבן אַמאָל דעם קאַנטשיק צעריסן,
ווייל דער פֿאָטער האָט זיי מיט אים געשמיסן.
דערנאָך האָט עס זיי ווידער נישט געוואָלט שמעקן,
אַז ער האָט זיי געשלאָגן מיט דעם שטעקן.

*

עס טויג דיר נישט אין אַ סך זאַכן,
דו זאָלסט דיר וועלן בעסער מאַכן.

## די ציגאַרן

„מיד, זאָגט ראובֿן, ווערסטו מיט ציגאַרן
נישט אַזוי גרינג קענען אָפּנאַרן,
וואָרן איך בין שוין לאַנג געקומען
אויף אַ גוטן און וואוילן סימן,
וואָס איך קען אויף דער שטעל דערקענען
וואָס פֿאַר אַ ציגאַרן עס זענען“.

„יאָ? זאָגט צו אים זיין ברודער שמעון.
איך בעט דיך, זאָג מיר אויך דעם סימן“.

„ווי אַזוי מע קען דאָס דערפֿרייען,
וועל איך דיך לערנען, זאָגט ראובֿן.
דו רייכערסט דיר אַ ציגאַר
וואָס איז גאַנץ טרוקן און דאַר
און גיסט גוט אַכטונג מיט פֿלייס,
אויב די אַש פֿון איר איז ווייס;
זעסטו, זי האָט אַ ווייסן קאָליר,
מעגסטו דיך שוין פֿאַרלאָזן אויף מיר,
אַז דו האָסט אַ ציגאַר
וואָס איז קינצלעך און ראַר“.

„אוי, זאָגט שמעון, וואָס נאַראָנים זענען!
אַלע נאַרישקייט זענען פֿאַר זיי רעכט;
זיי ווילן ערשט אָן דער אַש דערקענען,
צי איז די ציגאַר געווען גוט צי שלעכט“.

*

בלעבן, ברידער! עס איז גאָרנישט גלייך;
אַש־מבינים זענט איר פֿון גרויס ביז קליין;
לעבט יאָ אַ וואוילער מענטש צווישן אייך,
ווילט איר אייך אויף אים גאָרנישט פֿאַרשטיין;
נאָר דעמאָלט קריגט איר אים זייער ליב,
ווען פֿון אים איז שוין נאָר דאָ אַש אין גריב.

## די צוויי הענער

צוויי געזונטע הענער, די רעכטע לייט,
וואָס האָבן פֿאַרטאָג אַלע אויפֿגעוועקט,
האָבן אַ צייט לאַנג זיך תּמיד געמיידט,
ווייל צווישן זיי האָט אַ שׂנאה געשטעקט.
אַמאָל האָט עס זיך אָבער פֿאַרלאָפֿן,
די הענער האָבן זיך אָנגעטראָפֿן.
קוים האָבן זיי זיך דערזען מיט די אויגן,
איז איינער צום אַנדערן צוגעפֿלויגן
און האָבן גאָר אייַלנדיק געשפּרונגען
איינער דעם אַנדערן איינצושלינגען;
דער האָט דעם ביי דער קאַם געדזשובעט,
און דער דעם ביי די אויגן געדלובעט,
און ווי מען צאַפּט וואַסער פֿון טונען
איז פֿון ביידן דאָס בלוט גערונען;

זיי האָבן זיך ביי די קעפּ געביסן
און די פֿעדערן גאָר אויסגעריסן —
קורץ, דאָס איז אַזוי געווען עטלעכע מאָל,
ביז ביידע זענען געבליבן נאַקעט און גאָל.

„זאָגטס נאָר מיר, וואָס איז דאָס?
פֿרעגט זייער ביז דער בעל־הבית:
וואָס איז דער לאַרעם, דאָס געשריי?
פֿאַרוואָס איז דאָס געהרגעריי?“

„וואָס, שרייט איינער, ער וועט דאָס ווערטער פֿאַרדרייען?
און קו קע רע קו ניט קו קע רע קו קרייען?
וואַרט, איך וועל אים שוין ווייזן,
ווי מען קרייעט מיט גריזן“.

„איך קריי, שרייט דער אַנדערער האָן,
קו קע רע קו שוין פֿון אייביק אָן;
מיר קען איטלעכער האָן זאָגן עדות
וואָס האָט געהערט קרייען מיינע זיידעס, —
וואָס דו מוזט זיך צען מאָל אָפּשווענקען,
דו זאָלסט זייער נאָמען געדענקען, —
אַז זיי האָבן געקרייעט קי קע רע קי!
און נישט מיט גראָבע גריזן אַזוי ווי די* !“

דער בעל־הבית הייבט אָן זייער צו לאַכן:
„דערטס אויף מיט אייערע נאַרישע זאַכן!
ביי מיר איז דאָס אַלץ איינערליי.
איך דאַרף נאָר האָבן אייער געשריי,

* = דו.

קרייעטס קי קע רי קי, קרייעטס קו קי רע קו!
אַבי וועקטס מיך נאָר תּמיד אויף צו דער שעה“.

*

צווישן אונזערע לומדים, רבנים
טרעפֿט מען אַמאָל אויך אַזעלכע נאַראָנים
וואָס רייסן זיך שיִער נישט ביי די האָר
און קריגן זיך אַוועק לאַנגע יאָר
און זידלען זיך אַוועק גאַנצע צייטן
איבער אַן אות, וואָס עס קען באַטייטן.
דער ברענגט אַ ראיה פֿונעם שיטה מקובצת
און שעלט זיין חבר מיט קללות נמרצת,
און דער פֿאַרהופּט זיך אויף דער קבלה
און גיט דעם חבר טאָפּלט די קללה;
צום סוף קומט זיי ביידע גאָרנישט אַרויס,
וואָרן דער פּשט לאַכט זיי ביידע אויס.

# די חתונה

דער אלטער לייב האט מיט זיין זון
פון דער פרעמדער א שידוך געטון;
וואָרן דער שטייגער איז ביי לייט —
זיי טוען ליבער שידוכים ווייט,
גאָר פון א פרעמדן, ווייטן לאנד,
כדי חתן־כלה זאָלן נישט זיין באקאנט,

ווי אלט זיי זענען אין די יאָרן
און וואָס זיי האָבן פאר א חסרון.
צווייי פוקסן, נישט קיין נאראָנים,
זענען געווען די גוטע שדכנים.
אונז גייט דאָ אָבער מער נישט אָן,
נאָר דער לייב האָט למזל א שידוך געטאָן.
די חתונה זאָל אין עטלעכע טעג
שוין זיין אויף דעם האלבן וועג.

אלע חיות האָבן זיך אָנגעגרייט
צו קומען צו דער שמחה, צו דער פרייד.
דער העלפאנט האָט זיך די נאָז געפּיצט,
דער הערש דינע הערנער שיין פארשפּיצט,
דאָס פערד האָט זיך צעקעמט דעם שוואנץ,
און דער בער האָט זיך געלערנט א טאנץ.
דאָס אייזל האָט געהאט די גרעסטע הנאה;
עס האָט געווזן גאָר א נייע המצאה
און האָט זיך פאר א חיה פארשטעלט
וואָס איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט:
אויף זיינע צוויי גאנץ־לאנגע אוירן
האָט ער אָנגעטאָן פעלכער פון טכוירן,
און פון אויבן א קרענצל
פון א קליין הויר־שווענצל;
אויס דער פעל פון צאפּעס
האָט ער זיך געמאכט לאפּעס,
און פון א האָרן
צוויי גרויסע שפּאָרן:
אויס א גריווע פון א פערדל
האָט ער זיך געמאכט א בערדל;
און א פעל פון א ווייכן בער
האָט ער זיך אָנגעטון אין דער קווער.

אזוי אויסגעשלייערט אין די קליידער
איז זיך דאָס אייזעלע גאָר כסדר
געקומען גאנץ שטיל און שיין
אויף דער חתונה צו גיין.

דאָ האָט מען אים צוגענומען ווי א לייט,
מע האָט געמאכט א ווארע אָן דער זייט;
איין חיה האָט זיך פאר אים געניגט,
איינע האָט זיך פאר אים געבייגט,
עטלעכע זענען אים געגאנגען אויס דעם וועג,
און איינס דאָס אנדערע געגעבן א פרעג:
ווער איז דאָס דער?
ווער איז ער, ווער?
איינער זאָגט — ער מוז זיין פון שפּאניען;
דער אנדערער — פון גרויס־בריטאניען;
דער זאָגט — פון אפריקע;
און יענער — פון אמעריקע;
איינער זאָגט ווידער, דאָס מוז זיין עפּעס
א גרויסער לייט פון די טערקישע סטעפּעס;
קורץ, אלע, צי א חיה צי א בהמה,
זענען געשטאנען אין גרויסער אימה,
וואָרן זיי זענען געווען אזוי פארבלענדט,
אז קיינער פון זיי האָט דעם אייזל דערקענט.

און טריט ביי טריט איז זיך דאָס אייזל געגאנגען
מיט זייער גרויס גאווה,
און די אויערן האָבן ביי אים אראָפּגעהאנגען
ווי צוויי לאנגע פאות.
„איצט, טראכט ער, האָב איך זיי אלע געקריגן!
תרבות אלע פאר מיר, דעם רעכטן קליגן!
איך וועל דאָס ערשטע ווערן גרויס ביי זיי,
אז זיי וועלן דערהערן מיין שיין געשריי".
און מיט א ניגון גאָר פארשארט
האָט מיין אייזל שוין נישט געהאַרט
און געגעבן א געשריי הויך,
טאקע פון דעם גאנצן כוח.

ווי די חיות האָבן דאָס געשריי דערהערט,
האָבן זיי תיכף דערקענט דעם גרויסן נאר.
אלע האָבן זיך צו אים איבערגעקערט
און מיט גרויס געלעכטער געגעבן א שאר;
איינער האָט אים געבאָלעט,
איינער האָט אים געדראָלעט;
דער האָט אים געגעבן א ביס,
און יענער א גאנץ שטארקן ריס;
דער א פליק,
דער א ציפּ,
דער א צוויק,
דער א קניפּ.
ער האָט אָנגעהויבן זייער צו קלאָגן
און צו וויינען מיט גרויס צאָרן

און איז גאָר צעהרגעט און גאָר צעשלאָגן
קוים פון זיי אנטלאָפן געוואָרן.

*

איך האָב מיך איצט כ'לעבן דערמאנט,
איך האָב אמאָל געטראָפן אן עלעגאנט,
פּאָמאדירט און פרידירט,
שטארק געשנירט, שיין געצירט,
ווייסע הענטשקעלעך אויף די הענט
און אויסגעשלייערט פון קאָפּ ביז פיס;
איך האָב אים אָבער רעכט דערקענט
ערשט אָן זיין חנפדיקן שמיס.

# די שמאַטעס

מיט אַ סחורה זייער שטאַרק באַפּאַקט
גייט זיך אַמאָל אויף דעם גרויסן טראַקט
אַ וואָגן, מיט פֿיר פֿערד איינגעשפּאַנט,
און דער פֿורמאַן, די בײַטש אין דער האַנט.

נאָר עס ווייסט ניט ווער עס וועט דאָס לייענען,
עס זאָלט נישט טראַכטן, זאָלט נישט מיינען,
דאָס איז עפּעס פֿאַר אייך אַ סחורה.
ניין, ניין, האָטס נאָר נישט קיין מורא,
עס איז קיין ווײַדנצייג, נישט קיין טוך,
עס איז קיין הענטשקעלעך, קיין שיך,
נישט קיין אַטלאַס, נישט קיין מאַרסעלין,
נישט קיין פּערקאַליק, נישט קיין מושלין,
אויך קיין ראָזינקע, אויך קיין מאַנדל,
נישט קיין קאַווע, קיין צוקער-קאַנדל,
אויך נישט קיין ציבל, נישט קיין בערן,
נישט קיין מעסערלעך, נישט קיין שערן.
„וואָס דען, הער איך דאָרט איינעם פֿרעגן,
פֿירט מען דאָס דאָרט אויף אַזוי אַ פֿיר*?"
שמאַטעס פֿירט מען, פֿון שרײַבערס וועגן,
שמאַטעס, זיי זאָלן האָבן פּאַפּיר. —

אַזוי טרײַבט אַן שטיל די בריקע מיט פֿערד
דער בעל-עגלה אויף דעם גרויסן טראַקט;
מע האָט קיין שום שאָרעך נישט געהערט,
אַפֿילו די בײַטש האָט נישט געקנאַקט.

* == פֿור.



און מיט גרוים דערשרעקן און בהלה
הערט פּלוצלינג אונזער בעל-עגלה
פֿון דער בריקע אַ שרעקלעך געשריי;
די שמאַטעס שרייען: אוי וויי! אוי וויי!
טשעקאַווע צו הערן וואָרט פֿאַר וואָרט
וואָס די שמאַטעס שרייען און קלאָגן,
פֿאָרט דער פֿורמאַן ניט אַוועק פֿון אָרט
און האָרכט וואָס איטלעכע וועט זאָגן.

דאָס געפּילדער און געוויינערײַ
איז אָבער געוואָרן מיין און מײַן,
אַז דער פֿורמאַן האָט פֿאַר גרויס געשריי
קיין איינציק וואָרט נישט געקענט פֿאַרשטיין.
איצט גייט ער זיך אַהין צו דער פֿיר
און זאָגט: „זײַטס נאָר אַ ביסעלע שטיל;
זאָגטס נאָר איטלעכער באַזונדער מיר
וואָס ער לאַרעמט אַזוי, וואָס ער וויל".

„וואָס זאָל מיר נישט וויינען, נישט קלאָגן,
הייבט אָן אַן אַלטע שמאַטע צו זאָגן:
הער צו און שטעל אויף מויל און אויערן.
איך קום אַרויס פֿון אַ ווײַטן לאַנד,
פֿון מאַנשעסטער בין איך געבוירן,
אַ גרויסע שטאָט אין טיף ענגלאַנד;
פֿון דאָרט האָט מיך אַ סוחר גענומען
און איז מיט מיר אַהער געשוואומען,
און דאָ האָט מיך געקויפֿט אויף אַ ידיה
אַ כּשרער, טײַערער, גוטער ייד,

וואָס עס פֿלעגן פֿון לאַנגע יאָרן
אַ סך מענטשן צו אים צו פֿאָרן
מיט זייער בקשה און באַגער
און אים צו דערלאַנגען אַ קוויטל;
און איך בין דאָס געווען ביז אַהער
דאָס ווערעכל פֿון זיין שטריימלהיטל".

„וואָס גלייכסטו דיינע צו מיינע לייד?!
פֿאַלט אַ שמאַטע אַריין אין די רייד:
מיינע לייד זענען מער פֿון אַלע
וואָס ליגן מיט מיר אין דער קופּע;
איך בין דאָך געווען ביי אַ כּלה
אַ זיידן קלייד אונטער דער חופּה,
מיך האָט מען באַטאַנצט און באַזונגען,
מיך האָט מען באַשפּילט און באַקלונגען".

„ווי קענסטו דיך פֿאַרגלייכן צו מיר!
שרייט פֿון הינטן אַ שמאַטע אַפּיר:
דו מאַכסט מיר אויך גאָר צו פֿיל ווען
און באַרימסט דיך אויך עפּעס זייער;
ווייסטו דען, ווער איך בין געווען?
איך בין געווען דער רביצינס שלייער".

„אָ וואַ! שמייכלט זיך אַ שטיק וועסטל
מיט אַ צעריסענעם הויז ביינאַנד:
און אַז מען איז יאָ שוין אַ נעסטל,
איז מען אַליין נאָך נישט קיין עלעגאַנט".

„פֿינסטער, שרייט איינע, איז מיר און שוואַרץ!
אוי וויי! אַ לאַך איז מיר אין מיין האַרץ,



צעריסן איז נעבעך מיין געמיט!
איך בין דאָך יאָ פֿון אייהל געבליט,
איך בין דאָך יאָ געווען עפּעס גיטס,
איך בין געווען אַ באַרוואַנדער שפּיץ;
מיך האָט מען דאָס מיט פּערל געצירט
און מיט גילדענע קייטן געשנירט,
איך האָב דאָך טאַקע מיידלעך באַשיינט
איך האָב דאָך טאַקע ווייבלעך באַהנט".

„איך בין געווען, שרייט ווידער איינע,
אַ קינצלעכע פֿירהאַנג, אַ שיינע".
„איך אַ ליילעך אויף דעם חתנס בעט".
„איך דער גבאיטעס קאַפּנציכל".
„איך בין געווען אַ טיי־סערוועט".
„און איך גאָר דעם מגידס נאָזטיכל".

„וואָס האָט עץ איך דאָ אַצינד דערמאַנט?
שרייט דאָרט אַ שמאַטע נעבן דער וואַנט:
אייערע רייד טויגן אויף כּפּרות,
דערציילטס בעסער איצטיקע צרות.
איך בין קיינעם מקנא לעת־עתּה,
נאָר די פֿרומע הייליקע שמאַטע.
זי איז זיך גאָר תּמיד פֿריי פֿון דיר,
זי ועסטו קיינמאָל נישט אויף דיין פֿיר.
תּיכּף ביי איר ערשטן אַרויספֿאָר
איז זי אַ חופּה עטלעכע יאָר,
דערנאָך, אַז זי קומט פֿון די כּותל,
ווערט גאָר אויס איר אַ שיין פּרוכת;

דאָ גייט עס איר גאָר ווי צום בעסטן,
וואָרן מען באַלייגט זי מיט טרעסטן,
איטלעכער ייִד באַזונדער, איש באיש,
גייט צו און גיט דעם גאַנץ גרויסן קיש*;
ווערט זי ווידער צעריסן אַצינד,
ליפּט מען און מאַכט אויס איר גאַנץ געשווין
אַ מענטעלע צו ספרי־תּורות,
און דערנאָך גאָר אַ שיין כּפּורת,
און צום סוף, איך מיין שוין גאָר צולעצט,
אַז זי ווערט צעריסן און פֿאַרפּעצט,
מע מיינט זי קען שוין גאָרנישט ניצן,
הייבט ערשט אָן אַ ייִד זיך צו פּיצן,
ליגט אַ לאַטע איבער אַ לאַטע
און מאַכט אויס דער הייליקער שמאַטע
אַ קונצלעך שיין יום־כּיפּור־היטל;
אַצינד דינט זי גלייך מיט דעם קיטל,
ביז מע ליגט מיט געוויין און געשריי
אין דער ערד אַריין די אַלע דריי.
צו וואָס זענ׳מיר אונז אָבער געקומען?
זייט דו האָסט זיך צו אונז גענומען
אונז מיטאַמאָל צו מאַכן דעם עק,
פֿירסטו אונז דאָרט ערגעץ אַוועק
איבער בערגער און איבער טאָלן,
אונז צו קאָכן, אונז צו מאָלן,
אונז צו האַקן און צו רייבן,
עס זאָל פֿון אונז נישט בלייבן, —

* = קיש.



און פֿרעגסט דיר נאָך אַזוי מיט חן:
וואָס איז דאָס דאָ פֿאַר אַ געוויין?"

„איך, זאָגט דער פּרמאַן, העט שוין גערן,
אַז עץ זאָלט שוין אַמאָל אויפֿהערן
צו שרייען און וויינען דאָ און דאָרט;
לאָזטס מיך כאָטש אויך שוין ריידן אַ וואָרט!
איך האָב ביז אַהער שטיל געשוויגן,
נאָר עץ האָט אַלע הויך געשריגן;
שווייגט זשע עץ איצט שוין אַ ביסל שטיל,
לאָזטס מיך אויך שוין זאָגן וואָס איך וויל.
וואָס עץ זיינט געווען ביזאַהער,
ווייסט עץ דאָך אַליין, זענט עץ נישט מער.
וואָרן עץ זענט דאָך זייער צעריסן,
צעשטיקלט, צעפּיצלט, צעביסן,
געלעכערט, פֿאַרפֿוילט און צעקראָכן,
צעשיט, צעהאָגלט און צעשטאָכן.
אַדרבא, זאָגטס, וואָס האָט עץ דערפֿין,
וואָס עץ האָט אַליין נאָר יתום אין זין?
וואָס טויג אייך דער פֿיינע־בּריה,
צו וועלכער זאַך איז ער אייך ניצלעך?
וואָס טויג די ייִדענע מאַטעריע,
אַז זי איז צעפּליקט אויף פּיץ־פּיצלעך?
גלייבטס מיר, העט עץ אין מיינע אויגן
כאָטש נאָך צו עפּעס געקענט טויגן,
העט עץ נישט געדאַרפֿט צו זיין ביי מיר
אין נישט צו ליגן דאָ אויף דער פֿיר.

איצט באַדאַרפֿט ע׳ן נאָר דאָס צו קלערן,
וואָס עס זאָל אַצינד אויס אייך ווערן;
ענקער קלערן איז אָבער אומזיסט,
וואָרן ווער הייבט אויף שמאַטעס פֿון מיסט?
איבער דאָס פֿאַרלאָזט אייך נאָר אויף מיר,
זייט נאָר געדולדיק אַ קורצע צייט,
איך וועל אויס אייך מאַכן שיין פּאַפּיר,
און אויס אייך שמאַטעס וועט ווערן ליים.
אויב דיר, צעריסן גראָב שטיקל זאַק,
וואָס ביזט פֿון אַלע שמאַטעס דער בראַק,
וועט דיר ניט זיין גענוג פֿאַר דיר,
אַז דו וועסט ווערן ביבעלע-פּאַפּיר?
אַלע קונצלעכע שיינע זאַכן
וואָס אַ בעל-מלאָכה וועט נאָר מאַכן,
אַלץ וואָס דער וועלט קען עפּעס ניצן
וועסטו פֿאַרפּאַקן און באַשיצן. —
אויס די גוטע שמאַטעס די ריינע,
אָבער נאָך ניט די גאַנץ שיינע,
וועלן ווערן גוטע פּאַפּירן
צו מאָלן און ליטאָגראַפֿירן,
און מען וועט זיך מיט זיי ניט שעמען
אויפֿצוהענגען אין שיינע רעמען
ביי אַלע גרעסטע לייט אומעטום
אין די שטובן אויף די ווענט אַרום.
און ספֿרים וועט מען אויף זיי דרוקן,
וואָס ס׳וועלן אין זיי אַריינקוקן



נאָך גאָר שפּעטער, אין אַ ווייטער צייט,
זייער געלערנטע און קלוגע לייט.
דאָס דינסטע פּאַפּיר וועט זיין גאָר רייך,
מען וועט עס גאָר האַלטן מיט גאָלד גלייך;
אויס איטלעכן קליינעם בלעטעלע
וועט ווערן אַ באַנקאָ-צעטעלע,
עס וועט שטאַרק באַליבט זיין ביי דער וועלט,
וואָרן עס וועט ווערן אַליין געלט".
שטיל האָבן די שמאַטעס געשוויגן,
קיינער האָט ניט גערעדט אַ שום וואָרט;
„וויי-יאָ!" האָט דער פֿורמאַן געשריגן
און אַוועקגעפֿאָרן פֿון דעם אָרט.

*

צווישן מיינע ברידער
הער איך אַ גערידער;
פֿון גרויס ביז קליין
אַ געשריי, אַ געוויין;
פֿון יונג ביז אַלט
שרייען אַלע געוואַלט:
לאָמיר וויינען, לאָמיר קלאָגן,
לאָמיר לויפֿן תהילים זאָגן,
לאָמיר אויסנעמען די ספֿרים,
לאָמיר גיין רייסן קבֿרים!
וואָס באַדאַרף מען שוין מער?!
מע נעמט שוין יידן צום מיליטער!

דאָרט רעכנט איינער זיין יחוס אויס,
אַז דער סמ"ע קומט פֿון דער משפּחה אַרויס;

דער דערציילט, אַז דער בעל-עקדה
איז געווען זיין שוויגערס אַ זיידע;
דעם האָט דער איסור-והיתר
אָנגעקערט אַ קאַלטער פֿינטער,
און יענעם דער טוען-ונטען,
אַ געשוועסטערקינדס מחיתן*.
אַצינד וויל מען זיי אָנטון מונדירן
מיט רויטע און שוואַרצע קעלנער
און זיי גאָר לערנען מושטירן
גלייך מיט אַנדערע זעלנער!
איז זשע יאָ אַזוי אַ צאָרן
נאָך גאָר דערהערט געוואָרן?

שאַטס, שאַטס, גילדענע ברידער!
לאָזט מיך נאָר אַ ביסעלע צו רו,
זייט נאָר נישט אַזוי קינדער-ווידער
און הערט מיך נאָר אַ ביסעלע צו;
זייט נאָר געדולדיק אַ פּאָר מינוטן!
מע וויל אייך אָסור נישט טון קיין שלעכטס
מע גייט נאָר אים אויף ענקער גוטן,
מע וויל אים אייך מאַכן עפּעס רעכטס.
מיוחסים זענט עץ אַלע מיטאַנאַנד,
אַ זעלנער זיין איז ביי אייך אַ שאַנד;
אמת, עץ זענט מיוחסים פֿון אייביק אָן,
כאָטש עץ האָט נישט וואָס אָנצוטאָן,

* == מחותן.



עץ זענט ביי אייך זייער גרויס,
כאָטש עץ גייט נאַקעט און בלויז.
גיי דיר דאָס שטיקל טלית פֿאַרזעצן,
מע זאָל דיר דרייף כאָטש פֿיר גילדן לייען,
גיי דיר אין דער בלאָטע די פֿיס פֿאַרנעצן,
גיי לויף אין די גאַסן „האַנדלע" שרייען;
און קום שפּעט אין דער נאַכט אַהיים,
פֿאַל מיד אַנידער ווי אַ שטיק ליים;
האַנדל און וואַנדל דיך גאָר צו-טויט
און עס וועטשערע אַ טרוקן שטיקל ברויט —
און דערנאָך גיי פֿרעג דאָרט וועמען,
אויב דו האָסט דיך מיט אַ זעלנער צו שעמען!
ווער, זאָגט מיר, צווישן אייך,
איז דעם ערלעכן זעלנער גלייך?
ער דאַרף נישט צו לייען, צו באָרגן,
נישט צו טראַכטן און נישט צו זאָרגן
און גייט אָנגעטון גאָר ווי אַ לייט,
און האָט זיין עסן צו דער צייט.
נעמטס אייך אַ ראַיה פֿון אַנדערע אמינות*,
קוקטס אָן די יידן אין אַנדערע מדינות!
לוסטיק און פֿריילעך
דינען זיי דעם מלך
מיט זייער גוף און זייער נשמה,
צי איז שלום, צי איז מלחמה.
האַלט דו נאָר פֿון גרויס ביז קליין
אַלע זאַכן ריין און שיין,

* == אמונות.

פֿאָלג דו נאָר די אָפּיצירן
און לערן פֿליסיק דאָס מושטירן;
פֿיר דיך אויף אין ערלעכן שטרייך,
און עס וועט דיר קיינער נישט זיין גלייך.
גאָר אָן לאַרעם, אָן געשריי,
מיט דעם גאַנצן האַרץ געטריי,
גאָר מיט שמחה און פֿרייד,
זיי נאָר תּמיד אָנגעגרייט
צו לױפֿן אַפֿילו אין פֿייער אַראַן*,
אויסצופֿירן דעם מלכס פּלאַן;
וואָרן די גוטע וואָס גייען אין קרוינען
ווייסן שוין איטלעכן ווי צו באַלוינען.

## בערל בראָדער
(מארגוליעס)

# ליד פון בערל בראָדער.

איך, בראָדער בערל,
איך שרײַ צו אלע מענטשן:
הערט אויס ווערטער ווי פערל,
מיט כיין זאָל מיר גאָט בענטשן!
צוזינג:
איך בערל פון בראָד,
איך בין די קלענסטע בריִע,
איך דאנק דיר און לויב דיר, דו זיסער גאָט,
פון דיר איז מײַן ישועה.

מײַנע ליבע גוטע ברידער,
הערט מיר נאָר צו,
און מײַנע שיינע לידער
און אויך צו דער שיינער מעלאָדיִע.
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

איז דען אזוי גרינג אָפּזאָגן,
אף יענעם א ליד צו מאכן,
בא קיין וואָרט זיך ניט אָנצושלאָגן
און אויס קיינעם קײַן כויזעק צו מאכן?
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

פארוואָס זאָל מיך, בערל, נישט פארדריסן,
אז איך מעג האָבן ווי גוט געקלערט,
וויל קיינער פארנעמען מײַן שמועסן,
ווי טײַער עס האָט דעם ווערט!
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

אין יעדנס כאראקטער קלער איך גוט,
באליידיקט זאָל קיינער נישט ווערן,
צום סאָף זײַנען אומגליקלעך מײַנע שריט;
פארוואָס זאָל איך ניט וויינען מיט טרערן?
איך בערל פון בראָד א. א. וו.



דער מויעך ווערט מיר אויסגעדארט
אף יענעמס כאראקטער צו צילן;
פרעג איך אײַך: איז דען דאָס א זיסע ארט,
פארוואָס זאָל דאָס קיינער ניט וועלן פילן?
יענעמס כאראקטער איבערצוזעצן
און אלצדינג צו טרעפן קלאָר,
און קיין בריִע נישט אראָפּצוזעצן
אפילע אף דער מינדסטער האָר!
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

# ליד פון דעם פאסטעך.

איך, נעבעך, בידנע פאסטעך,
איך לעב דאָך גאָרניט אף דער וועלט.
מע דערזעט פון דער היים ווען יעדער פרייט זיך,
ליג איך באשטענדיק אין פעלד.
קעגן מיר לעבט זיך יעדער בארוט
און האָט זיך בעקאָוועד זײַן ברויט,
און איך בין פון די שאָף אזוי מיד,
אז איך בלײַב ליגן ווי טויט.

דער טאָג טרײַבט מיר פון דער היים ארויס,
אף דעם הארץ ליגט נאָך דער שלאָף;
אלע פעלדער לויף איך אויס
און מוז נאָר פאסען די שאָף.
אומגליקלעך בין איך אף דער וועלט,
איך רו נישט איין מינוט;
זינט איך בין צום פאסען געשטעלט
זײַנען פארשאָלטן געוואָרן מײַנע שריט.

אז איך לייג מיך אנידער פון מײַן מי,
און דאָס הארץ איז פול מיט שרעק,
קומט איינער אין דער צײַט ווען איך רו,
און גאנוועט מיר א שעפעלע אוועק.
איך כאפּ מיך אוף, ווען עס הייבט אָן צו שאריִען,
פארשעלט איך די נאכט פון מײַן שלאָף:
אוי, וואָס האָב איך באדארפט צו רוען,
עס איז מיר אויסגעגאנגען א גאָטס שטראָף!

די צווייטע נאכט גיי איך אין וועג
און האָב שוין גאָר קיַין רו,
קומט א וואָלף אין גרעסטן געיעג
און כאפט מיר א שעפעלע צו.
ווי דער וואָלף איז צו מיר צוגעלאָפן,
און איך שטיי אין פריַיען פעלד;
צו דעם, וואָס האָט מיך שוין צוויי סיבעס געטראָפן,
איז מיַין לעבן אויך איַינגעשטעלט.

צו דעם, וואָס איך, פאסטעך, בין,
מוז איך נאָך זיַין א שוימער;
א גאנצן טאָג ברענט מיך די זון,
אז עס טריקענען מיַינע ביינער.
פאר גרויס דאָרשט ברענט מיר דאָס הארץ,
דער דאָרשט גיט מיר קיַין רו;
איך פאסע די שאָף און ווער פארשווארצט,
ווי ביטער איז, נעבעך, מיַין מי.

ווינטער פרירט מיר יעדער גליד,
די קעלט איז גאָר אָן שיר;
עס איז אָבער נאָך דאָס איינע גוט,
וואָס די שעפעלעך ליגן ארום מיר.
איך מוז צווישן זיי אריַינקומען,
ווי איינער אין זיַין געצעלט;
די שעפעלעך זאָלן מיך ניט ווארעמען,
וואָלט איך געשטאָרבן פאר קעלט.

צו פאסען די שאָף, (האָט) דאָס א ווערט?
ווי קען איך שוין לעבן רעכט?
אז די שאָף פארבלאָנדזען צווישן די בערג,
דעמאָלט איז מיר זייער שלעכט.
שלעכט איז מיר אָן אן עק,
אז זיי גייען אף א פרעמד פעלד ארום;
מע נעמט בא מיר די שעפעלעך אוועק,
און מיך ווארפט מען נאָר ארום.

צו טאָגן אין פעלד, וואָס איז מיין ווערט!
און מיַין געמיט איז מיר צעבראָכן.
צו ליגן אין פעלד אף דער הוילער ערד
און אליין אביסל יושקע צו קאָכן!



אינמיטן גיב איך אכטונג אף די שאָף
און אָן דעם קאָכן האָב איך פארגעסן;
שפרינגט מיר א שעפעלע אף דעם פיַיער ארויף
און קערט מיר אויס דאָס עסן.
זומער גאנץ פרי, ווען אין דרויסן איז שיין,
ווען יעדער שפאצירן גייט,
ליג איך אין פעלד גאָר אליין,
האָב איך אויך אביסל פרייד.
כאָטשע די לופט שמעקט מיר פון איַידן מער,
און איך שעפ קרעפטן אין מיר אריַין,
און דיך, זיסער גאָט, בעט איך דיך זייער,
איך זאָל קיַין פאסטעך זיַין.

## א ליד פון א שינדל־שלעגער.

איך, נעבעך, שינדל־שלעגער,
מיַין פארנאָסע איז מיר געשטערט;
אף דעם דאך איז מיַין געלעגער,
און מיַין לעבן האָט גאָר ניט קיַין ווערט.
פון דער היץ ווערן מיַינע קרעפטן פארלוירן,
ווינטער שפראָצט פון די הענט דאָס בלוט,
פארקאָוועט ווערן מיַינע אויערן,
פון דעם טאם ווייסט קיינער ניט.

אז איך באשלאָג א דאך אפן דריטן גאָרן,
און קיַין פאָמאָצניק וויל מען מיר ניט געבן,
פארשעלט איך מיר מיַינע יאָרן,
עס ווערט מיר נימעס פאר מיַין לעבן.
איך בין שוין אויוון מיט די שינדלען,
שטעל איך מיך אנידער און רו מיך אָפ;
הייבט מיר אָן פאר די אויגן צו שווינדלען,
און עס דאכט זיך מיר, אָט איך פאל אראָפ.

איך באשלאָג א דאך, וואָס ער איז שיף,
און דאָ נעבן אים זיַינען נידעריקע היַיזלעך צוויי.
פון דעם דאך פאלט דער גאנצער ריף,
און צווישן די באלעבאטים א גרויס געשריי.
אף דעם ריף שטיי איך ווי אף א וואָגן
און ווארט אויס, וואָס דער סאָף וועט זיַין;

ניט גענוג איך האָב מיר אופגעהאלטן א האלבן טאָג,
כאפּ איך גאָר פון די שכיינים אין טאטן אריַין.

אז איך דארף באשלאָגן א דאך אן אלטן,
וואָס ער איז דורכויס פויל,
צווישן די שפּאלטן קאָנען זיך שטאָרעס[1] באהאלטן,
איך פאָרך עס אום מיט דעם פולן מויל,
איך מעג ווי פאריכטן, איז אלץ צעבראָכן;
דער באלעבאָס שריַיט, ער איז ניט צעבראָכן אסאך,
דערנאָך וואָלט ער מיך גערן דערשטאָכן,
איך זאָל אים מאכן א ניַיעם דאך.

אז איך מאך שוין דעם דאך גאָר ניַי,
און עס געפינט זיך א שפּארינקעלע,—איז מיר ביטער[2];
ער שריַיט, איך האָב ניט געמאכט געטריַי,
איך האָב געמאכט דעם גאנצן דאך שיטער.
איך בין שולדיק, די שינדלען זיַינען קרום,
איך קאָן זיי נישט גוט צופּאסן;
גיט ער אף מיר דעם גרויסן ברום,
ער טוט פון מיר די הויט רײַסן.

מיַין געצײַג איז נאָר דאָס העקל,
וואָס פון דעם עס איך מיַין ברויט;
דאָס מאכט מיר מיַין לעבן עקל,
עס איז מיר ערגער ווי דער טויט.
איך מעג (זיך?) אפילע ווי מוטשען,
עס רעדט שוין מיר קיינער ניט א וואָרט;
הייבט מען מיר אָן צו דערקוטשען,
איך האָב געלייגט צוויי שינדלען אף איין אָרט.

באַ דעם באדינגען שמועסט ער גוט,
און אז עס קומט צום צאָלן ווערט ער שטאָלץ;
ער ציט פון מיר טראָפּנווײַז דאָס בלוט,
ער וויל איך זאָל באשלאָגן פון האָלץ.
ניט גענוג איך האָב מיך געמוטשעט א גאנצן טאָג,
מוז איך נאָך ארבעטן ביז אין דער נאכט אריַין.
פאר גאָט זאָל אופגיין מיַין קלאָג,
איך זאָל קיַין שינדל־שלעגער מער ניט זיַין.

[1] דאָס וואָרט ניט קלאָר. [2] די לעצטע צוויי ווערטער קאם צו לייענען אין טעקסט.



## א ליד פון די גזיירע־כאסענעס.

וואָס זאָגט איר צו דער צײַט,
וואָס אף דער וועלט איז הײַנט געשען,
ווי איינס דאָס אנדערע האָט אָפּגענארט
מיט די כאסענעס וואָס עס איז געווען!
מע האָט גענומען קינדער פון פופצן יאָר,
וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט פון קיַין וועלט,
מע האָט אסענטירט א טאָג פופצן פּאָר,
אָן קליידער און אָן געלט.

נאָר די קליינשטעטל־לײַט
האָבן זיך די קעפּ פארדרייט;
זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאט קיַין צײַט,
און דאָס פּאָנעם איז געווען פול מיט פרייד.
ווו מע האָט א מיניען געקריגן,
האָט מען געשטעלט א כופּע;
דעם כאָסן האָט מען א שטרײַמל געליגן,
דער קאלע האָט מען אָנגעטון דער באָבעס יופּע.

א מויד איז געגאנגען אפן מארק
אײַנקויפן פון יעדן מין,
איז מען איר פארלאָפן איבער דעם קארק
און מע האָט מיט איר א שידעך געטון.
דער באלעבאָס ווארט ביז אפדערנאכט,
ער ווייסט ניט, וואָס מיט איר איז געשען;
דעם אנדערן טאָג האָט זי אויס דעם באלעבאָס געלאכט;
מע האָט זי ניט מער פאר די איגן געזען.

א מויד האָט געטון אין מארק ארומגיין,
דאָס קלייד איז געווען אף קויל פארברענט,
דעם אנדערן טאָג האָט מען זי דערזען,
האָט מען זי שוין נישט דערקענט.
פרעגט מען זי, ווי גייט עס דיר?
ענטפערט זי: וואָס טוט איר אויס מיר שפּעטן?
עס איז מיר נאָך ערגער ווי פריר,
איך וועל מיך נאָך די וואָך מוזן געטן.

אין א קליין שטעטל האָט זיך פארלאָפן,
זיי זײַנען געווען פאריקט[1];
אז דער כאָסן האָט די קאלע אָנגעטראָפן,

[1] מעשוגע.

האָט ער זיך גאָר דערקוויקט.
מע האָט אים צוגעזאָגט א ווײַסע קו,
און קליידער זײַנען געווען אף אים מוטל ;
צום סאָף איז זי געפייגערט גאנצפרי,
האָט ער זיך געמאכט פון דער פעל א קיטל.

אין קליינעם שטעטל איז געווען די גרעסטע גדולע
אף דעם קלענסטן און גרעסטן באלעבאָס ;
דער כאָסן האָט געמעגט האָבן א פארך און א קילע,
די קאלע האָט געמעגט זײַן אָן א נאָז.
די מעכוטאָנים האָבן גאָר אָנגעקוועלט,
זיי האָבן שוין ניט געהאט קײַן מוירע ,
זיי האָבן זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט
צו פאטערן אזא זיסע סכוירע.

איין כאָסן א קויהען [1]) האָט דאָס אויך פאסירט,
ער האָט דאָס אויך געליטן,
ווי מע האָט אים אונטער דער כופע געפירט,
האָט מען אים די קאלע פארביטן.
די קאלע האָט זיך זייער געפרייט,
זי האָט געמיינט ; מע גייט דאָס געבעט בעטן.
ווי די מעכוטאָנים האָבן זיך נאָר אומגעדרייט,
האָבן זיך ביידע געמוזט געטן.

מע האָט נאָר געזעען שטרײַמלעך פליִען,
כאָסן־קאלע זײַנען געגאנגען מיט מוזיק באוואכט,
אין ראצעמאָרענע יופעס אָנגעטון,
גלײַך ווי עס וואָלט געווען הוישאנעראבע באנאכט.
די מעכוטאָנים האָבן מיט די הענט געקלאטשט ;
אין הארץ איז געווען גרויסע צאָרעס.
דערנאָך האָבן זיך אלע צעפאטשט,
עס האָט געטויגט אף טישאָנצע [2]) קאפאָרעס.

אף קלעזמאָרים איז געווען א וועלט,
כאזאָנים און דאיאָנים האָבן אויך ניט דערלייגט ;
קלעזמאָרים האָבן פארדינט פיל געלט,
און דאיאָנים האָבן אף געטן נאָכגעפרעגט.
דאָס וועט אייביק בלײַבן,
עס וועט ניט פעלן די מינדסטע האָר ;
דאיאָנים וועלן געטן שרײַבן,
פאר א קערבל וועט זײַן אן אם אף א גאנץ יאָר.

---

1) דאָס וואָרט איז נישט קלאָר צו לייענען. 2) טויזנט.



פֿון נחום שטיף

די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור :

ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע

קיִעוו, 1929

## שלאָף מײַן קינד

שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן, און זײַן געזינט.
דו זאָלסט נאָר שווײַגן און רויִק ליגן,
וועל איך דיר זינגען, וועל איך דיך וויגן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

2

ווו נעם איך ווערטער, ווו נעם איך געדאַנקען
איך זאָל דערמיט קענען דעם בורא ברוך הוא דאַנקען
פֿאַר דער מתנה, וואָס ער האָט מיר געגעבן
אַזוי אַ שיין קינד, עס זאָל מיר לאַנג לעבן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

3

דעם מלכס אוצר מיט זײַן גאַנצער מלוכה
וואָלט מיר ניט געווען אַזוי פֿיל ניחא
ווי דו ביסט מיר ניחא, מײַן ליכט, מײַן שײַן,
מיט דיר דוכט זיך מיר, די גאַנצע וועלט איז מײַן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

4

די טײַערסטע בריליאַנטן, טײַערסטע אַנטיקן
קענען גאָר מײַן האַרץ אַזוי פֿיל ניט דערקוויקן,
וויפֿל עס דערקוויקט מיך דײַן חנעוודיקער בליק,
ווען דו, מײַן קינד, טוסט אויף מיר אַ קיק.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.



5

איך הער דײַן ליב געלעכטערל, גלײַך ווי איך וואָלט הערן
אַ שיינעם געזאַנג, פֿון אַלע ליכטיקע שטערן,
ווען מיט דײַן געלעכטערל ווילסטו צו מיר ריידן
עפֿ'נען זיך מיר אויף די טירן פֿון גן־עדן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

6

די טירן פֿון גן־עדן וועלן מיר אָפֿן שטיין
ווען איך וועל אַ מאָל אויף יענער וועלט גיין,
און דו, מײַן קינד, וועסט זײַן אַ פֿרומער און אַ גוטער,
וועט מען דאָרטן זאָגן, לאָז אַרײַן דעם צדיקס מוטער.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

7

דײַן טאַטע טוט ניט וואָס גאָט האָט געבאָטן
וועט מען אים אויף יענער וועלט בוודאי ברענען, בראָטן,
און דו, מײַן קינד, מיט דײַן צידקות זאָלסטו זיך מיִען
דײַן טאַטן פֿון גיהנום אַרויסצוציִען.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

8

דו האָסט שוין, מײַן קינד, דײַן אייגעלע פֿאַרמאַכט,
אַזוי ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ פֿאַר נאַכט,
דו זאָלסט עס ווידער עפֿענען נאָך דײַן זיסן רי *
אַזוי ווי די זון גייט אויף אין דער פֿרי.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

---

* רי—רו.

9

דו שלאָפֿסט שוין, מײַן קינד, וועסט שוין רויִק ליגן,
איך גיין שוין אַוועק, גענוג שוין דיך וויגן,
און דײַן גוטער מלאך זאָל שטיין בײַ דײַן וויגל,
ער זאָל דיך דאָ היטן, באַדעקן מיט זײַן פֿליגל.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.



## אליקום צונזער

געבוירן דעם 28סטן אָקטאָבער 1836 אין ווילנע (לויטן ייִוואָ־אַרכיוו געבוירן אין יאָר 1840) געשטאָרבן דעם 22סטן סעפּטעמבער 1913 אין ניו־יאָרק.

גלײַך ווי מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער סעריע פּערל פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע האָבן געגומען קומען צענדליקער בריוו פֿון לייענערס, וואָס האָבן זיך דערמאָנט שורות, אָדער גאַנצע לידער, וואָס זיי האָבן געדענקט פֿון זייער יוגנט, אָבער דעם נאָמען פֿון דעם מחבר האָבן זיי ניט געוווּסט. די מערסטע פֿון די צוגעשיקטע לידער זײַנען געשריבן געוואָרן פֿון אליקום צונזער, וואָס איז אויך געווען באַרימט אונטערן נאָמען אליקום בדחן, אָדער ווי דאָס פֿאָלק האָט אים ליב געהאַט צו רופֿן „ליאָקעם בדחן”.



שוין בײַ זײַן לעבן איז דער נאָמען אליקום צונזער געווען אַ לעגענדע. גבֿירים האָבן געהאָפֿט, אַז ער וועט קומען צו זייערע קינדערס חתונות, קינד־און־קייט האָבן געזונגען זײַנע לידער. זײַנע לידער־ביכלעך זײַנען צעכאַפּט געוואָרן גלײַך ווי זיי זײַנען אַרויס פֿון דרוק.

ווען ער איז אין יאָר 1889 אָנגעקומען קיין אַמעריקע און גענומען אַרומפֿאָרן איבערן לאַנד אויף ספּעציעל־אַראַנזשירטע קאָנצערטן און קבלת־פּנימס. האָט געטראָפֿן אַ כאַראַקטעריסטישע פּאַסירונג, וואָס באַווײַזט ווי שטאַרק פּאָפּולער ער איז געווען. צונזער דערציילט וועגן דעם אין זײַן אינטערעסאַנטער אויטאָביאָגראַפֿיע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין קליוולאַנד און דאָרט אויפֿגעטראָטן מיט זײַנע לידער די פּיראַמידן, צו די שטערן, דער נײַנצנטער יאָרהונדערט און אַנדערע שאַפֿונגען, האָט ער עפּעס דערפֿילט אַן אומצופֿרידנקייט פֿון דעם עולם. ער האָט באַלד אויס־

געפֿונען די סיבה: עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס איז נישט דער אמתער צונזער געקומען קיין קליוולאַנד, נאָר עמעצער, וואָס איז געקומען „בלאָפֿן" דעם עולם, אַז ער איז עס דער באַרימטער אליקום צונזער. אויף דער גאַס האָט געוואַרט אַ גרויסער עולם, וואָס האָט אים געוואָלט אָנברעכן די ביינער (צונזער שרײַבט אַפֿילו, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרזאַמלט מיט דער „„איידעלער׳ אַבזיכט מיך צו לינטשן"). ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפֿן פֿון קליוולאַנד.

אָנגעהויבן שרײַבן, זאָגן גראַמען און זיי באַקליידן אין מעלאָדיעס, האָט אליקום צונזער זייער פֿרי. נאָך איידער עס איז אַרויס זײַן ערשט ביכעלע לידער שירים חדשים (אין יאָר 1861) איז ער שוין געווען פּאָפּולער און מען פֿלעגט אים פֿאַרבעטן צו קומען משמח זײַן די געסט אויף חתונות, בריתן און אַנדערע שׂימחות. דאָס ביכעלע לידער האָט אים נאָך מער באַרימט געמאַכט און מען האָט אים גענומען בעטן אויף גבֿירישע חתונות אין פֿאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד. זײַנע גראַמען און לידער, וואָס ער פֿלעגט גלײַך אויסזינגען מיט אַ פּאַסיקער מעלאָדיע, האָבן געהאַט צו טאָן ניט נאָר מיט דעם מוסר זאָגן חתן־כּלה, ווי בײַ אַנדערע בדחנים. אליקום בדחן האָט אין זײַנע לידער זיך אָפּגערופֿן אויף געשעענישן פֿון דער צײַט, אויף אידעעס, וואָס זײַנען פּאָפּולער געוואָרן און אויף די נײַסטע דערשײַנונגען אין ייִדישן און אינעם אַלגעמיינעם לעבן.

צונזער איז אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע זייער באַשיידן ווען ער שרײַבט זײַן פּאָפּולערקייט צו נאָר צו דעם וואָס ער איז צו יענער צײַט, „געווען דער ערשטער אין רוסלאַנד, וואָס האָט פֿאַרפֿאַסט לידער צוזאַמען מיט געזאַנג... צו יענער צײַט האָבן די רוסישע ייִדן חוץ מײַנע לידער קיין אַנדערע ניט געהאַט, און דעם ליגט אַ גרויסער טייל פֿון מײַן דערפֿאָלג".

מעגלעך, אַז דאָס האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע, אָבער זיכער איז עס ניט געווען די איינציקע סיבה פֿון זײַן דערפֿאָלג. צונזער איז אין זײַנע אויפֿקלערערישע לידער ניט געווען, ווי די מערסטע משׂכּילישע שרײַבער אין יענער צײַט, קיין שטרענגער



שטראָפֿער און אָפּלאַכער, נאָר אַ נאָענטער פֿרײַנד, וואָס לײַדט צוזאַמען מיט זײַן פֿאָלק.

אין אַ ליד צו מײַנע פֿרײַנד זינגט צונזער וועגן דעם אַזוי:

די אַנטוויקלונג פֿון מײַנע לידער
איז די אַנטוויקלונג פֿון מײַנע ברידער
פֿון אַכצן פֿינף און צוואַנציק, פֿון צײַט איך פֿאַנג זיי אָן.
דער ייִד איז דאַן געוועזן
פֿאַנאַטיש און אומבאַלעזן —
שרײַב איך פֿאַר אים קליינלעך, ווי ער פֿאַרנעמען קאָן;
און פֿיל דער ייִד שטײַגט העכער,
זײַן פֿאַנאַטיזם — שוואַכער,
ווערט מער דענקנד מײַנע לידער פּינקטלעך טריט בײַ טריט.
זוכט נאָך די מעטאָדע,
דערקענט ער זײַן פּעריאָדע,
ווי ער שטייט, אויף וואָסער שטופֿע גיי איך מיט אים מיט.

צונזער איז מיטגעגאַנגען, אויף זײַן בדחניש־פֿאָלקסטימלעכן שטייגער, מיט זײַנע צוהערערס און לייענערס, מיט אַלע דערפֿאַרונגען און איבערלעבענישן וואָס זיי האָבן געהאַט. ער האָט אין זײַנע לידער אויסגעדריקט זייערע געפֿילן און געדאַנקען ווי זיי אַליין וואָלטן עס אָפּט וועלן טאָן, אָבער זיי האָבן דערצו נישט פֿאַרמאָגט דעם געהעריקן טאַלאַנט.

אַב. קאַהאַן דערציילט אין זײַן ערשטן באַנד בלעטער פֿון מײַן לעבן, דעם אײַנדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט די ערשטע באַגעגעניש מיט אליקום צונזערן, ווען קאַהאַן איז נאָך געווען אַ יונגער ייִנגל אין ווילנע. עס איז כּדאַי צו ברענגען אַ גרעסערן אויסצוג פֿון דער באַשרײַבונג:

„...יענעם אָוונט האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אליקום צונזערן אויף אַ חתונה... זײַנע לידער זענען געווען אומגעהײַער פּאָפּולער, און איך האָב זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן די װוּנדער, וואָס ער באַווײַזט אַלס בדחן און אַלס זינגער פֿון זײַנע אייגענע ווערק. ער פֿלעגט אויפֿרודערן די ייִדן מיט אַ נײַ ליד, וואָס מען

25

פֿלעגט זינגען אין יעדער הויז און בײַ יעדן וואַרשטאַט — ניט נאָר אין דער ווילנער געגנט, נאָר איבער גאַנץ ליטע און וואָלין, אין פּוילן אויך. די בדחנים פֿון אַלע לענדער פֿלעגן מיט צונזערס לידער אונטערהאַלטן דעם עולם אויף חתונות...

„ווען די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען און ער האָט גענומען רעדן צו דער כּלה, באַגריסן און מוסרן, זײַנען זײַנע ווערטער געווען געבויט אויף איר נאָמען, אויף די נעמען פֿון דעם חתן און אויף די נעמען פֿון זייע־ע עלטערן. פֿון יעדן בוכשטאַב האָט ער געמאַכט אַ וואָרט, און אַזוי איז ער געגאַנגען הין און צוריק, הין און צוריק, ווידער און ווידער, אָן אַ שיעור. און די פֿראַזן זײַנען בײַ אים אַרויסגעקומען גלאַט און אינטערעסאַנט, זייער געראָטן... איך האָב זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן. זינגענדיק האָט ער מיטן פֿוס צוגעקלאַפּט צום טאַקט... דאָס און דאָס צושפּילן פֿון די קלעזמער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ מוזיקאַלישער אײניקייט, וועלכע האָט מיך באַצויבערט... דער טאַקט פֿון זײַן זינגען איז איבערגעגאַנגען צו זײַנע צוהערער ווי עלעקטריציטעט. דער גאַנצער עולם האָט מיטגעזונגען, אָן ווערטער, און אָן ווערטער מיטגעציילט צום טאַקט..."

צונזערס ביאָגראַפֿיע איז אַן אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנטע. וואָלט בײַ אונדז געווען אַ יידישע פֿילם־אינדוסטריע, וואָלט די לעבנס־געשיכטע פֿון אליקום צונזער געוויס געווען אַ זעלטן גוטער מאַטעריאַל פֿאַר אַ פֿילם. מיר וואָלטן געקענט דערזען אויפֿן פֿאָן פֿון דער לעבנס־געשיכטע פֿון אַ יחיד אַ שטיק יידישע געשיכטע, מיט אַלע ליידן און פֿריידן פֿונעם פֿאָלק. פֿון איין זײַט — ביטערער הונגער און נויט. די גזירה פֿון קאַנטאָניסטן און די פֿינצטערע באַגלייט־דערשײַנונג, „די כאַפּערס", אַ כאָלערע־מגפֿה, וואָס שנײַדט אונטער די לעבנס פֿון זקנים און עופֿהלעך אין די וויגן (אויך צונזערס פֿיר יונגע קינדער), פּאָגראָמען און עמיגראַציע־שטראָמען; פֿון דער אַנדער זײַט וואָלטן מיר אָבער אויך דערזען דאָס גײַסטיקע לעבן פֿון אַט די יידן: זייער דראַנג צו לערנען תּורה און צו דערציִען די קינדער צו זײַן גוט און פֿרום; זייערע בריתן, חתונות און אַנדערע שימחות,



אויף וועלכע מען האָט געפּרוּווט פֿאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע דאגות און צרות און געניסן פֿון אַ ביסעלע פֿרייד. עס וואָלט אויך ניט געפֿעלט די רירנדיקע אָנערקענונג און ליבשאַפֿט, וואָס דאָס פֿאָלק ווײַזט אַרויס צו זייערע דיכטערס, וואָס האָבן זיי געשאָנקען אַזעלכע טײַערע מתּנות — הונדערטער לידער, אין וועלכע זיי האָבן דערפֿילט זייערע אייגענע טרערן, ליידן און אויך האָפֿענונגען.

אליקום צונזער האָט געניאָסן פֿון אַ סך אָנערקענונג אַפֿילו אין אַמעריקע, וווּ זײַנע לידער זײַנען שוין ניט געווען אַזוי פּאָפּולער ווי אין דער אַלטער היים. ער האָט דאָ אויך געשריבן לידער, אין וועלכע ער האָט באַזונגען די פֿרײַהייט, וואָס יידן געניסן דאָ (קאָלאָמבוס און וואַשינגטאָן), לידער, אין וועלכע ער האָט באַוויינט דעם שווערן גורל פֿון די אימיגראַנטן אין די גאָלדענע לאַנד, ווו

דעם אַרבעטערס לעבן שווימט דאָ אַוועק
אין אַ טײַך פֿון זײַן אייגענעם שווייס.

און לידער וועגן דעם פּעדלער, וואָס איז —

פֿאַרוואָגלט ווי קין, ווו טאָג און ווו נאַכט;
צו היץ און צו קעלט איז ער איבערגעגעבן,
קיין היים און קיין רו, און איז שטענדיק פֿאַרשמאַכט...

עס זײַנען אָבער אויפֿגעקומען אַנדערע דיכטער, אַנדערע זינגערס, וואָס האָבן מיט נײַע לידער בעסער אויסגעדריקט דעם אימיגראַנטישן עלנט אין דער נײַער היים ווי צונזער. דאָס פֿאָלק האָט אים אָבער ניט פֿאַרגעסן. אין יאָר 1905 איז אין ניו־יאָרק דורכגעפֿירט געוואָרן אַ רירנדיקע פֿײַערונג לכּבֿוד צונזערס 50־יאָריקן יובּילײ. עס האָבן זיך אין דעם יום־טובֿ באַטייליקט די יידישע אינטעליגענץ און די פּשוטע פֿאָלקסמענטשן. עס איז געווען אַן אמתער פֿאָלקס־יום־טובֿ, וואָס האָט אויסגעדריקט אַלעמענס געפֿילן פֿון אָנערקענונג און ליבשאַפֿט צו דעם באַרימטן פֿאָלקס־זינגער. עס האָבן צוו״אַנד זיך באַטייליקט אין דער פּראָגראַם:

אַ. גאָלדפֿאַדען, מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפֿעלד, אַ. ליעסין, די „שטערן" פֿון דער ייִדישער בינע יעקבֿ פּ. אַדלער און מאָריס מאָסקאָוויטש, דער פּאָפּולערער מגיד און פֿאָלקסרעדנער מיס־ליאַנסקי, און פֿיל אַנדערע.

דאָס איז אויך געווען דאָס לעצטע מאָל ווען צונזער האָט פֿאַר אַ גרויסן עולם אימפּראָוויזירט אַ ליד (אויף דער מעלאָדיע פֿון „שיבֿת ציון"), אין וועלכן ער האָט אַ געריירטער געדאַנקט פֿאַר דעם כּבֿוד, וואָס מען טיילט אים צו.

וועגן צונזערס ליטעראַרישן טאַלאַנט זײַנען בײַ קריטיקערס און ליטעראַטור־היסטאָריקערס פֿאַראַן חילוקי־דעות. קיינער לייקנט אָבער ניט צונזערס גרויסע פֿאַרדינסטן ווי אַ דערציִער, אַן אויפֿקלערער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פֿון אידעעס פֿאַר די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן פֿון זײַן צײַט. ש. ניגער שרײַבט, אַז „אליקום בדחן מיט זײַנע לידער האָט פֿאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פֿון די אידעעס פֿון זײַן צײַט אפֿשר מער אויפֿגעטאָן ווי די מאמרים פֿון די דעמאָל־טיקע צײַטונגען, וואָס די מאַסע פֿלעגט ווייניק לייענען און נאָך ווייניקער פֿאַרשטיין".

משה־לייב האַלפּערן, דער מאָדערנער פּאָעט, האָט נאָך צונ־זערס טויט אויסגעדריקט די געפֿילן פֿון אַ סך אַנדערע, ווען ער האָט אין אַ ליד געשריבן:

שלאָף, שלאָף, דו איידעלער: דײַן גרויסע ליבע בליט
און גליט אין אונדזער בלוט. דײַן ניט־דערזונגען ליד
וועט ניט פֿאַרלוירן גיין
ס'איז וואָר, עס האָט די צײַט
אונדז ווײַט פֿון דיר אַוועקגעטראָגן — דורות ווײַט...
דאָס קליינע ליד, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן, גליט
עס לעבט און קלינגט אין אונדז דײַן ניט־דערזונגען ליד.



## די בלום

ווו אַלע פֿאָרן, אין מיטן וועג,
ליגט דאָרט אַ טײַערע בלום;
ליגט און פֿוילט שוין איייניקע טעג,
דער ווינט וואַרפֿט איר אַרום;
און זי שרײַט און וויינט מיט גרויס געבעט:
„פֿאַמעלעך, זעט ווי איר גייט!
האָט רחמנות, זעט, איר צעטרעט
אַ בלום מיט אַ פּרעכטיקן קווייט!
רחמנות האָט ווער,
קומט נאָר אַהער —
הייבט אויף אַ בלום, וואָס זי גלאַנצט!
טראָגט מיך אַהין,
פֿון וואַנען איך בין,
ווו מע האָט מיך צום ערשטן געפֿלאַנצט.

אַז איך זע איצט בלומען פֿון יעדער זײַט,
גיסט פֿון מיר טרערן אַ טײַך;
איך דערמאָן זיך מײַן גליק פֿון די פֿאָריקע צײַט —
געווען מיט אַלע בלומען צו גלײַך...
אין קייזערלעכן גאָרטן ווען איך האָב געבליט,
און די זון האָט מיר ליכטיק געשײַנט,
צענדליקע דינער האָבן מיך געהיט —
טאָ זעט נאָר דעם סוף פֿון מיר הײַנט:
דער טרעט אין דער קוועטשט.
צעווייקט און צענעצט,
די בלעטער — אַראָפּ פֿון קאָליר;
איך ליג אויפֿן מיסט,
דער רעגן ער גיסט,
עס איז גאָר קיין רחמנות אויף מיר".

ווי די בלום וויינט דאָ און שרײַט,
עס צענעמט יעדער מענטשן זײַן הערץ,
קומט אָן אַ מלאך גאָר פֿון דער זײַט
און הערט דאָ איר שרײַען, איר שמערץ.
„זאָג מיר, דו בלום, זאָג מיר דעם וואָרט,
צענעמסט מיך מײַן האַרץ אָן אַ ברעג;
ווו ביסטו געוואַקסן? ווי רופֿט מען דעם אָרט?
ווי קומסטו אַהער אויפֿן וועג?"
טוט זי אַ געשריי:
„אוי, ווינד איז מיר, וויי!
צי דו דערקענסט מיר שוין גאָר ניט פֿון פֿרי׳ר?
פֿון ירושלים בין איך,
׳ייִד׳ רופֿט מען מיך,
האָב דו כאָטש רחמנות אויף מיר!

פֿאַר צוויי טויזנט יאָר ווען דו וואָלטסט מיך זען,
בשעת איך האָב מײַן מלוכה געהאַט,
וואָלטסט אַליין דיך פֿאַרוווּנדערט ווי איך בין געווען,
די שוינהייט פֿון מײַן יעדער בלאַט —
כּהנים, לוויים, יענערעלער אָן אַ שיעור,
איך האָב דאַמאָלס שטאָלצירט אין פֿלאָר.
דאַן האָט מען פּלוצלינג אויסגעריסן מיר,
איך וואַלגער מיך באַלד צוויי טויזנט יאָר...

ווו איך בין געווען,
האָב איך רציחות געזען,
געריסן מיר גליד פֿאַר גליד;
געברענט און געשניטן.
און נאָך מער צרות געליטן —
און נאָר ווײַל איך בין אַ ייִד!"...

אַזוי האָט זיך אַ מאָל געוואַלגערט דער ייִד,



ווי די בלום אויפֿן וועג מיט איר צוועט;
דער נעמט אים זײַן כּבֿוד, דער רופֿט אים „זשיד",
דער מיט די פֿיס אים צעטרעט.
און ער האָט שוין פֿאַרלאָרן זײַן מוט און זײַן דרייסט,
פֿאַרלאָרן זײַן קראַפֿט און זײַן מאַכט;
מער ניט די אמונה, דאָס איז נאָך זײַן טרייסט
אין דער לאַנגער, פֿינצטערער נאַכט.
אַך, מײַן הערץ
פּלאַצט מיר פֿון שמערץ,
דו האָסט דאָך אַ מאָל אויך געבליט!
אַזוי אַ שיינער צוועט
יעדערער טרעט,
ווי האָט איר עס קיין רחמנות ניט?...

ווי נאָר דער מלאך הערט איר דאָ דערמאָנען
איר אַלטן ייִחוס פֿון ציון,
זעצט ער איר צעווישן אַלע וואַזאָנען,
זי הייבט ווידער שוין אָן צו בליִען.
און ער טרייסט איר מיט מיטלייד: „וויש אָפּ דײַנע טרערן,
די זון הייבט דיר אָן שוין צו שײַנען;
איך וועל דיר חלילה דײַן אמונה ניט שטערן,
איך וועל דיר נאָך פּוצן און פֿײַנען!"
פֿרעגט זי בײַ עם:
„זאָג מיר דײַן שם,
לאָמיך וויסן דעם נאָמען פֿון זיי;"
ענטפֿערט ער מיר
„דער נאָמען פֿון מיר
איז אַלכּסנדר, קייזער פֿון ראַסיי".

## שיבֿת־ציון

**שאי סביב עיניך וראי נקבצו באו לך וכו׳**
**(ישעיה מט, 18)**

וואָס זע איך דורך די שויבן?
עס פֿליִען אָן ווי טויבן
מײַן יוסף, מײַן בנימין קלאַפּן אין מײַן טיר!
אַך הימל, גאָט, די װוּנדער!
איך זע דאָך מײַנע קינדער,
די ליבסטע, די געטרײַסטע קומען אָן צו מיר!
אַוועק אַזוי פֿיל יאָרן,
געמיינט איך בין פֿאַרלאָרן,
אַן אַלמנה אַ פֿאַרוויסטע — ליידיק בײַ מײַן טיש...
מיט אײַך ווי איז געגאַנגען,
צײַט מע האָט אײַך געפֿאַנגען?
וואָס מאַכט יהודה און אפֿרים? גיט מיר אַ גערום!

אויף גאָט ניט ליאָרעמט, קינדער!
אָט דאָס איז גאָטעס װוּנדער:
די פֿינצטערניש ווערט שטאַרקער, איי עס ווערט טאָג!
בײַ דער ערשטער גאולה
איז דאָס אויך געווען די פּעולה:
דער לאַסט צו לעצט ווערט גרעסער, אַז משה שרײַט
מיט קלאָג!

מע איז אײַך דן לחובֿה,
און דאָס איז גראָד אַ טובֿה,
איר זאָלט בויען אײַער צענטער דריקט מען אײַך מיט נויט;
די נבֿיאים וואָלטן אײַך ניט טרײַבן,
וואָלט איר דאָרט פֿאַרבלײַבן,
און אײַער בונד און נאַציאָנאַלנאָסט בלײַבט דאָך
אומגעבויט!



עס לאַכן מײַנע שונאים:
וואָס האָט עס פֿאַר אַ פּנים,
אַז עטלעכע קליינע ייִדלעך טרעטן אָן מײַן פּאָל?
צי קען מען זיי דען טרויען?
צי װעלן זיי דען בויען
מײַן ייִשובֿ, מײַן באַוווינונג, ווי עס איז געווען אַ מאָל?
ניין! דאָס מוזט איר פֿאַרגלײַכן
צו די גרעסטע טײַכן —
פֿאַנגען זיך אָן ווי אַ שנירל, פֿון אַ קליינעם קוואַל;
עס פֿאַלן איר צו שטראָמען,
ביז עס שטײַגט איר נאָמען,
און אירע מאַקסטן מיט די זעגלען גלענצן איבעראַל!

אַהער קומט, יענע יאָרן!
איך בין יונג געוואָרן,
איך וואַרף אַראָפּ מײַן טרויער, אַהער — מײַן זײַדן קלייד!...
פֿול ווערט מײַן הויז ווידער,
עס הייבט דאָס האַרץ, די גלידער,
פֿיל פֿון מײַנע קינדער פֿאָרן אָן מיט פֿרייד!
פֿון שׂימחה טרערן פֿליסן,
לאָזט מיך האַלדזן, קושן,
רוט אײַך אויס בײַ מיר די ביינער, מײַנע הערצנסגעסט!
איר וועט בײַ מיר קריגן
אַלע פֿאַרגעניגן,
איר וועט ניט וויסן פֿרעמדע טישן, נאָר די מוטערס קעסט!

אָט דיזע יונגע מענטשן
וועט די וועלט זיי בענטשן,
פֿאַרלאָזן הײַזער, גיטער, גלאַנץ און גליק און פּראַל!
מענטשן געשטודירטע,
הויך ציוויליזירטע
ווילן זײַן קרבנות פֿאַר דעם גאַנצן כּלל!...

זיי האָבן זיך באַשלאָסן
אויף אַלערליי פֿאַרדראָסן,
נאָר אָפּצוּוואַרפֿן אַלע שטיינער וואָס ליגט אויפֿן וועג;
צו לײַדן שווערקייטן
ווי אין משהס צײַטן,
און זייער נאָמען בלײַבט מיט עזראס ביז די לעצטע טעג!

## די סאָכע

כנען בידו מאזני מרמה לעשק אהב (הושע יב, 8)
עוד אושיבך באהלים כימי מועד (הושע יב, 10)

אין סאָכע
ליגט די מזל-ברכה,
דער וואָרער גליק פֿון לעבן,
קיין זאַך מיר ניט פֿעלט!
עס קומט דער פֿרימאָרגן,
איך דאַרף ניט לײַען, באָרגן,
דער מוח דאַרף ניט זאָרגן
אויף טאָג-הוצאָות, געלט.
ס'איז אָנגעגרייט אויף ווינטער
אַ זאַסיק אַ געזונטער,
איך זיי, איך שנײַד גאַנץ מונטער —
פֿרײַ אין גאָטעס וועלט...

פֿון רײַכן
ווער קען זיך צו מיר גלײַכן?
ווער לעבט רויִק, גליקלעך
ווי איך, פּויער אין פֿעלד?
גיט נאָר גאָט דעם רעגן,
פֿיל איך גליק און זעגן,
איך פֿיר שוין סנאָפּעס-וועגן,



חיונה פֿאַר דער וועלט.
איך טו לײַט ערנערן,
מאַרקלײַט און שפּײַכלערן,
שיפּערס, קאָמיסיאָנערן —
און כּשר איז מײַן געלט...

פֿון מאָדעס
האָב איך קיין הכבדות,
ווי אין שטאָט פֿאַרלעבט מען
מער פֿיל מע פֿאַרדינט...
אַ שטרויהוט און אַ סוויטע
טראָג איך אָפּ אַ שמיטה,
און מיט די זעלבע שיטה
פֿירט זיך מײַן געזינט.
דער סערפּ איז מײַן קאַסירער,
דער האָן — מײַן רעפּוטירער,
די זון איז מײַן צײַטפֿירער,
מײַן פֿעכער איז דער ווינט...

דער קרעמער
מוז באָרגן יעדער נעמער,
און מוז נאָך קאָנקורירן
און לייזט אויף פֿינף פּראָצענט...
פֿון וועקסעלעך, טערמינען
דאַרט דער מאַרך, דער זינען,
אין קראָם קען ער געפֿינען
„נישאר" פֿול די ווענט...
איך דאַרף ניט קאָנקורירן,
קיין וועקסלען רעגולירן,
קיין בוך פֿון חובֿות פֿירן —
מײַן באַנק איז די ערנט...

## דער שענקער

מוז דולדן יעדער שווענקער,
פֿאַר יעדער וורעד און שיכּור
פֿאַלט די דמים אײַן...
פֿון אַקציז די אַגענטן,
די טײַערע פּאַטענטן,
אַז אַ גראָשן אַ צענטן
קומט אין טאַש אַרײַן...
איך בין פֿון אַלץ אַ פֿרײַער,
בילעט קאָסט מיר קיין דרײַער,
דער סנאָפּ, וואָס קומט אין שײַער,
בלײַבט אין גאַנצן מײַן...

## מײַן דאַמע

ברויכט ניט קיינע אַמע,
קיין הויזמעדכען, קיין באָנע,
קיין פּרעסער אויפֿן קאַרק...
זי דאַרף קיין הוט, קיין פֿעדער,
שפּאַצירט ניט אין די סעדער,
פֿאָרט ניט אין די בעדער,
ליבערשט — פֿרײַטיק צום מאַרק...
קיין פּוץ קיין פֿאַרמאַסקירטן,
אַליין אי אַם, אי ווירטין,
און אין פֿעלד אַ הירטין,
און איז געזונט און שטאַרק!

## מיט יאָרן

מיר ווערט אַ קינד געבאָרן,
ווערט גרעסער מײַן הכנסה,
איך קויף צו ערד אַ שטיק.
אין שטאָט אַ קינד וואָס מערער,
ווערט דעם פֿאָטער שווערער:



ער מוז זײַן אַ דערנערער —
אויפֿן האַלדז אַ שטריק...
בײַ מיר עס וואַקסן קינדער,
ווערט מײַן אַרבעט לינדער,
און יעדערער באַזונדער
איז פֿאַר מיר אַ גליק!

## מײַן מיידל

ניי איך אַ פּראָסט קליידל,
און טו מיט איר אַ שידוך
אָן צירונג, אָן נדן.
זעט אין שטאָט די כּלות,
שטעלן פּראָסט בדלות,
ראַמט פֿון שטוב אויס אַלעס,
וואָס נאָר איז פֿאַראַן...
מיר איז לײַכט צו קריגן
אַ חתן גראַד אַ היגן,
און גיב נדן צוויי ציגן,
און לעבט גליקלעך פֿאַר דעם מאַן!

## בענטשן

זאָל נאָר גאָט די מענטשן,
וועלכע שטיצן ציון,
צוריק דאָס לאַנד באַנײַט!
בענטש נאָר, גאָט, די ריצער,
די קאָלאָניען-באַשיצער,
די אַרבעטער-שטיצער —
די זרובבֿלס פֿון דער צײַט.
ווען פֿון די קאָלאָניען
וועט ווערן מיליאָנען,
וועט ציון ערשט דערמאָנען
אָט דיזע גרויסע לײַט!

## דאָס גוטע קעפּל

וואָס פֿאַרשטייסטו, פֿילאָסאָף,
מיט דײַן פלאַטשיקן מוחל,
גיי צום רבין נאָר אַרויף,
און לערן דיך דאָרטן שכל.
זיץ אַ מאָל בײַם רבינס טיש
ווען ער זינגט די זמירות
ווי עס קוועלט די חכמה פֿריש,
וואָס טויגן דײַנע חקירות?

וואָס טויגן אַלע פֿילאָסאָפֿן
מיט זייערע נאַרישע הסברות,
זיי זאָגן דער מוח איז זיי אָפֿן
און טויגן אויף כּפּרות.
אַן אײַזנבאַן האָט ער געמאַכט
און מיינט ער איז אַ חרוץ,
דער רבי שפּעט דערפֿון און לאַכט,
ער האָט קפֿיצת-הארץ.

אַ דאַמפֿשיף מאַכט אַ פֿילאָסאָף
און נעמט דערמיט זיך איבער,
דער רבי שפּרייט דעם קאַפֿטן אויף
און גייט צו פֿוס אַריבער.
האָט ער חשק, דער גוטער קאָפּ
דאָס אַנדערש אויסצופֿירן,
נעמט ער דעם שטעקן און גיט אַ קלאַפּ,
גייען מיר דאָרטן שפּאַצירן.

איינער מאַכט אַ לופֿטבאַלאָן
און פֿליט אין דער הייך טאַקע,
אָבער וואָס דער רבי קאָן,



קען דאָך ער אַ מכּה.
קען ער דען וואָס דער רבי טוט
ווען ער זיצט ביחידות,
ווי ער אין איין מינוט אין הימל פֿליט
און עסט גאָר שלש-סעודות.

אַ טעלעגראַף האָבן זיי אויסגעטראַכט,
מען זאָל פֿון דער ווײַטן הערן,
זיי האָבן דאָס אונדז נאָכגעמאַכט,
קען איך דערויף שווערן.
דעם אמת ווילן זיי נישט זאָגן,
עס פּאַסט זיי נישט צום רימל *,
ווי מיר הינטן הושענות שלאָגן
און גאָט הערט דאָס אין הימל.
זיי שנײַדן זיך אָפּ האַלבע פּאָלעס,
עס איז מיר נימאס צו דערציילן,
און זיי לערנען אין די שקאָלעס
רעכענען און ציילן.

דער רבי קען דאָס פֿון זיך אַליין
גאָר אָן זייער חקירה,
דער חשבון איז בײַ אים תּמיד ריין
ווען ער ציילט ספֿירה.

* = רומל.

37

## די נאַכטיגאַל

שמואל סיגל (לאָס־אַנדזשעלעס) האָט געהערט דאָס ליד פֿון זײַן פֿאָטער. די ערשטע צוויי שורות זײַנען:

ביטער איז מיר אַזוי ווי גאַל —
אַזוי ווי די גיפֿט פֿון די שלאַנגען.

**ענטפֿער:**

עס איז פֿון וועלוול זבאַרזשערס „די נאַכטיגאַל", געדרוקט אין מקל נועם, ווין, 1865, מיט פּאַראַלעלע ייִדישע און העברעיִשע טעקסטן. דאָס ליד האָט 14 אַכט־שורהדיקע סטראָפֿעס. עס איז אויך דורכגעגאַנגען אַ פֿאָלקלאָריזירונג־פּראָצעס און געוואָרן אַ גנבֿים־ליד (פּ. גראַובאַרד בײַ אונז יודען, וואַרשע, 1923, ז' 34, נומ' 86, און ש. לעהמאַן גנבֿים־לידער, וואַרשע, 1928, ז' 7 מיטן ניגון, און ז' 205).

מיר דרוקן דעם פֿולן טעקסט פֿון ליד:

### די נאַכטיגאַל

1

ביטער איז מיר אַזוי ווי גאַל,
ווי גיפֿט פֿון די שלאַנגען, —
קלאָגט און וויינט די נאַכטיגאַל
ווען זי ווערט געפֿאַנגען,
איך וועל די וועלט שוין נישט געניסן,
ביטער איז מיר און זויער,
מ'ווערט דאָך מיך באַלד פֿאַרשליסן
אין אַ פֿעסטער מויער.

2

אַך, איך זע דאָרט פֿייגל פֿליִען,
איך קוק צו מיט די אויגן;



איך וואָלט גערן נאָכגעטיִען,
ווי זיי, הויך געפֿלויגן;
איך וואָלט גערן אויך גענאָסן
די פֿרישע לופֿט ווי זיי.
איך בין דאָך אָבער פֿעסט פֿאַרשלאָסן,
ווינד איז מיר און וויי!

3

אַך, וואָס טויג מיר גאָר די מעלה,
מײַן שטימע זאָל שיין קלינגען,
איז דען נישט בעסער די פֿייגל אַלע
וואָס זיי קענען גאָר נישט זינגען;
זיס ווי צוקער איז דאָס לעבן
אַז מ'דאַרף נישט קיינעם הערן,
הילן *, שטיפֿן, פֿליִען, שוועבן,
און עס קאָן נישט קיינער ווערן.

4

זיי פֿליִען אין די בלומענפֿעלדער, —
וואָס קאָן דערפֿון זײַן ליבער;
אויף די הויכע ביימער אין די וועלדער
בויען זיי זיך שטיבער.
אַזוי לעבט גליקלעך גאָר דער מינדסטער,
ווער עס האָט נאָר פֿליגל,
און איך ליג נעבעך אין דער פֿינצטער,
פֿאַרשלאָסן מיט אַ ריגל.

5

פֿאַר דעם יעגער בין איך אַנטלאָפֿן,
ער האָט געוואָלט מײַן בלוט פֿאַרגיסן;

* = הוליען.

בעסער וואָלט ער מיך געווען געטראָפֿן,
מיך געווען דערשיסן.
איך וואָלט געעקט גאָר אין קערצן,
איך וואָלט נאָר דערפֿילט די שרויט ;
איידער צו לעבן מיט אַזוי פֿיל שמערצן,
איז ליבער שוין דער טויט.

6

וואָס הער איך דאָרטן מיט די אויערן
וויינען נאָר און קלאָגן,
איינער שרײַט, ער איז פֿאַרלוירן,
ער איז גאָר דערשלאָגן.
ער איז נע ונד, ער האָט קיין היים,
ער שרײַט ער איז פֿאַרבײַ,
אָך, ווי בין איך מקנא דעם
וואָס ער איז נאָר פֿרײַ.

7

מיר זענען ביידע גאַנץ פֿאַרשידן,
יעדער בעט פֿאַרקערט,
און עס איז קיינער נישט צופֿרידן
ווי עס איז אים באַשערט.
אַזוי הערט מען אויף דער וועלט
נאָר טרויריקע שטימען ;
וואָס יעדער וויל וואָס אים געפֿעלט
קאָן ער נישט באַקימען *.

8

אין דעם שטײַגל שטיי איך מיט גרויס יסורים,
זיי ווילן מיך נאָר מיטשען **,

---

* = באַקומען.
**=מוטשען.



זיי מאַכן סעודות־פּורים
און פֿאַרלאַנגען איך זאָל קוויטשען ;
אָך, ווי קען מען דעמאָלט זינגען
ווען די צרות פֿרעסן,
די נאַכטיגאַל איז דערצו געצווינגען *,
זי פֿאַרדינט דאַמיט איר עסן.

9

די כּוחות גייען מיר אויס שיִער,
איך שמאַכט פֿאַר דאָרשט און הונגער,
דערמאָנט זיך קיינער נישט אָן מיר,
אָן דעם נאַכטיגאַל דעם זינגער ;
ביז איך הייב אָן שרײַען, וויינען
און מאַך אַ גרויס גערידער,
און זיי טראַכטן און זיי מיינען,
אַז איך זינג זיי לידער.

10

זע ! דו גאָט, דו געטרײַער,
ווי שלעכט די מענטשן זענען ;
פֿון דעם הימל שיק אַ פֿײַער,
דאָס הויז זאָל אָפּברענען ;
וועל איך ווײַטער פֿליִען אין דער הייך,
מיט דער פֿרישער לופֿט זיך קוויקן,
און דעם בע״הב ** דעם רוצח
וועל איך נישט אָנקיקן ***.

11

קלאָגט מיט מיר, איר מענטשנזעלן,
איר זענט ווי איך אומגליקלעך,

---

* = געצוווּנגען.
** = בעל־הבית.
*** = אָנקוקן.

איר מוזסט אײַך אויך דאָ נעבעך קוועלן,
קרענקען אויגנבליקלעך;
איר האָט די פֿרײַהייט אַ מאָל גענאָסן,
איר האָט געלעבט גאָר ווי אַם בעסטן,
הײַנט זענט איר גוט פֿאַרשלאָסן
אין דעם קערפּער, אין דעם פֿעסטן.

12

דער קערפּער טוט וואָס ער וויל,
וואָס איר ווילט גאָר מײַדן
און איר ליגט נעבעך שטיל
און מוזסט אַלעס לײַדן.
ביז די צײַט וועט פֿאַרשווינדן,
איר וועט גיין צוריק,
זענט איר נעבעך פֿעסט געבינדן *
מיט די לעבנסשטריק.

13

פונקט אַזוי ווי איך אַצינד
בעט דעם מענטשנס זעלע,
נאָר איר הויז זאָל גיין צו גרונד
ווערט זי פֿרײַ ממילא.
עס פֿאַלט נישט אײַן גאָר דעם קליגן **
אַז ער וועט נישט אייביק לעבן,
ער האָט די זעלע בײַ גאָט געליגן,
ער וועט זי באַלד אָפּגעבן.

14

אָך, איך ווייס נישט וואָס צו טוען
איך קאָן מיר קיין עצה געבן,

---

* = געבונדן.
** = קלוגן.



איך האָב לוסט נאָר צו פֿליִען,
אין דער הייך צו שוועבן.
זינג איך נישט יאָרן לאַנג,
האָב איך נויט און לײדן
וואָס זשע פועל איך מיט מײַן געזאַנג,
איך בין פֿאַרקויפֿט אײדן.